בס"ד

# תורת אביגדור

## באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר במדבר

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל
וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חליציהם

## פרשת מטות-מסעי

# לעבן מיט בחירה

**פרנס השבוע**

**שרה שיידל בת רחל דבורה**
לזיווג הגון בקרוב

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ
**נפתלי שמואל ב"ר מאיר** ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן ארייינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 103x 732-844-3670

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בכריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org



Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת מטות-מסעי

שנה ד'

# לעבן מיט בחירה

## תוכן:

חלק א. אמת'ע לעבן - חלק ב. אויסוועלן לעבן - חלק ג. דאס לעבן פון אמאל

# חלק א. אמת'ע לעבן

## די ערי מקלט

אין די וואכעדיגע סדרה ליינען מיר פון איינע פון דעם באשעפער'ס באפעלן צום אידישן פאלק בשעת זיי האבן זיך געגרייט אריינצוגיין קיין ארץ כנען. **כִּי אַתֶּם עֹבְרִים אֶת הַיַּרְדֵּן אַרְצָה כְּנָעַן** - ווען איר וועט אריבערגיין דעם ירדן צום לאנד כנען, **וְהִקְרִיתֶם לָכֶם עָרִים עָרֵי מִקְלָט תִּהְיֶינָה לָכֶם** - זאלט איר באשטימען פאר אייך ערי מקלט, אנטלויפונגס שטעט **וְנָס שָׁמָּה רֹצֵחַ מַכֵּה נֶפֶשׁ בִּשְׁגָגָה** - און א רצח וואס האט גע'הרג'ט א צווייטן בשוגג זאל דארט אנטלויפן (לה:י-יא).

עס רעדט זיך איבער א מענטש וואס האט בשוגג גע'הרג'ט א צווייטן איד און יעצט טרעפט ער זיך אין א סכנה פון ווערן גע'הרג'ט דורך דעם נפטר'ס פאמיליע. דער גואל האדם - דער "בלוט אויסלייזער" - האט א רעכט צו נקמה נעמען פאר דאס בלוט פון זיין גע'הרג'טן קרוב אבער די תורה גרייט צו א פארזיכערונגס ווינקל, א פלאץ צו וואו דער רוצח בשוגג קען אנטלויפן. אין די ערי מקלט איז ער באשיצט פון דעם גואל האדם, **וְלֹא יָמוּת הָרֹצֵחַ** - און אזוי וועט ער נישט שטארבן (שם. יב).

אבער אט ווען מיר זען אז נישט נאר איז די שטאט געווען אן ארט וואו **וְלֹא יָמוּת הָרֹצֵחַ**, וואו דער רוצח איז באשיצט פון די ברויזנדע נקמה פון דעם גואל האדם, נאר די תורה זאגט אונז אז בשעת ער געפינט זיך דארט מוז בי"ד זיך אנשטרענגען און אים צושטעלן אלע באדערפענישן צו א נארמאלן לעבן. **וְנָס אֶל אַחַת מִן הֶעָרִים הָאֵל** - ער דארף אנטלויפן צו איינע פון די שטעט, **וָחָי** - און דארט וועט ער לעבן (דברים ד:מב). און די גמרא (מכות י.) לערנט אז דאס ווארט וָחָי מיינט נישט בלויז אים צו לאזן טרעפן א רעטונג, נאר עס באדייט, **עביד ליה מידי דתהוי ליה חיותא** - איר דארפט אים צושטעלן צום לעבן דארט אין די שטאט. כאטש וואס דאס איז א סארט תפיסה פאר אים דארט, אבער **וָחָי** - געב אים צום לעבן; דער בית דין דארף צושטעלן פאר'ן רוצח אלע באדערפענישן פאר א געהעריגע לעבן.

## לעבן און טויט

די תורה הייסט אים נישט לעבן אויף ברויט און וואסער; מען באזארגט אים מיט נאראפטיגע שפייז און וויטאמינען און מעדיצינען, אלעס וואס ער דארף האבן צו לעבן ערפאלגרייך. דאס, זאגט די גמרא, איז וואס עס מיינט **וָחָי** - געב אים לעבן; שטעל אים צו אלעס וואס ער דארף האבן פאר א נארמאלע לעבן.

למעשה, אין די צעדרייטע וועלט אין וואס מיר לעבן היינט, וועט איר טראכטן אז מען דארף אים צושטעלן אלע אונטערהאלטונגען. נאך אלעם, וואס איז דען א לעבן אן די אונטערהאלטונגען? אזוי ווי עס האט פאסירט פאריגע יאר אין איינע פון די ניו יארקער תפיסות; עס האבן אויסגעבראכן גרויסע ראיאטן וואו די ארעסטאנטן האבן צעבראכן פענסטערס און צעזעצט טישן. פארוואס זענען זיי געווען אזוי אויפגערעגט? ווייל זיי האבן נאר געהאט א שווארץ, ווייסע טעלעוויזיע. "דאס איז נישט קיין לעבן," האבן זיי פארפירט, "מיר דארפן קאלירטע טעלעוויזיע." דאן איז אראפגעקומען א ספעציעלע קאמיטע פון חכמים וועלכע האבן זיך אראפגעזעצט אינאיינעם בכובד ראש און טיף אריינגעטראכט אין וואס עס מיינט א לעבן, וואס פאדערט זיך צו קענען הנאה האבן פונעם לעבן און דאן זענען זיי געקומען צום אויספיר אז די ארעסטאנטן זענען גערעכט! ווי אזוי קען מען באקריוודען א מענטש פון קאלירטע טעלעוויזיע?!

אבער דאס איז נישט די תורה'דיגער בליק צום לעבן. קוקן טעלעוויזיע אדער ענליכס מיינט אז איר גייט אריבער צו א שמוציגער בית הכסא און איר טונקט איין א גלאז אין די שמוץ און איר טרינקט דערפון אן קיין אפשטעל. די ערגסטע זאך וואס קען פאסירן צו א מענטש איז אויב עס קומט אן וואסער צו זיין מח - אויב אבער קומט אן אפפאל שמוץ צו זיין מח דאן איז אינגאנצן נישטא קיין האפענונג פאר אים!

און דערפאר מיינט וָחָי, נישט קיין טעלעוויזיע! טעלעוויזיע איז די פארקערטע פון לעבן. ווייל "און איר זאלט צושטעלן פאר אים צום לעבן," מיינט נישט אז איר געבט אים וואס די נידריגסטע עלעמענטן פון געזעלשאפט מיינען אז דאס באדייט לעבן - וָחָי מיינט אז איר דארפט אים צושטעלן די מעגליכקייטן צו קענען האבן אן ערפאלגרייכע לעבן.

## דער רבי גייט אויך אין גלות

און דערפאר איז אינטערעסאנט דאס וואס די גמרא זאגט, עס איז עפעס וואס מיר וואלטן נישט אליין פארשטאנען. די חז"ל זאגן אז אריינגערעכנט אין די מצוה פון 'וָחָי' מיינט, **תלמיד שגלה מגלין רבו עמו** - ווען א מענטש דארף אנטלויפן צום עיר מקלט ווערט זיין רבי אויך געשיקט אין גלות מיט אים. פונקט ווי מען דארף אים צושטעלן א שטאט וואו ער קען לעבן ווייט פון די שליטה פון דעם גואל האדם, און פונקט ווי מען שטעלט אים צו אלע זיינע באדערפענישן כדי ער זאל קענען לעבן א נארמאלע לעבן, מוז מען אים אויך צושטעלן מיט די מעגליכקייט פון וָחָי, צו לעבן וואס מער צוועקפול. און אריינגערעכנט אין דעם איז אז מען שיקט זיין רבי זאל גיין מיט אים אין גלות.

אלזא, דער רבי איז אומשולדיג - עס איז געווען דער תלמיד וואס האט גע'הרג'ט איינעם בשוגג, נישט ער - אבער ווען דער תלמיד ווערט פאר'משפט צו גיין אין גלות, "גיי אין גלות אינאיינעם מיט דיין תלמיד."

## איינזעצן דעם ראש ישיבה

זאגט דער רבי, "וואס האב איך געטון?! איך בין אומשולדיג! איך דארף זיין ארעסטירט אין אן עיר מקלט?!"

זאגט מען אים, "דאס איז עס. די תורה זאגט וָחָי, אז דיין תלמיד דארף לעבן."

"לאזט אים לעבן," טענה'ט דער רבי, "איך האב גארנישט קעגן דעם אז ער זאל לעבן. אבער פארוואס זאל איך פאר'משפט ווערן צוזאמען מיט אים? איך וועל שרייבן צו אים, איך וועל אים באזוכן, אבער לאזט אים לעבן אן מיר!"

"ניין," זאגן די חז"ל, "דאס ווערט נישט גערופן געלעבט, אן א רבי מיט זיך."

דערפאר מוז זיך דער רבי ארויסציען; ער דארף פארלאזן זיין היים און טרעפן אן ארט צו לעבן אין דעם עיר מקלט כדי אויסצופירן דעם באפעל אין די תורה. אויב האט ער א ישיבה, דארף ער מוותר זיין אויף די

ישיבה; ס'איז זיין פליכט צו גיין מיט זיין תלמיד אינעם עיר מקלט. און דאס איז באזירט אויף די ווארענונג פון 'וחי', ער מוז לעבן. **עביד ליה מידי דתהוי ליה חיותא** - "מאך פאר אים א לעבן," און עס איז נישטא קיין לעבן אן א רבי.

## שיקן אן אוצר התורה

אלזא, מיר קענען טראכטן אז דאס איז געווען אין די אמאליגע צייטן. אין יענע טעג ווען עס איז געווען אסור צו שרייבן עפעס אויסער תורה, נביאים וכתובים - מ'האט נישט געקענט שרייבן גמרא; אפילו צו שרייבן די משנה איז געווען אסור - און דערפאר איז דער איינציגסטער מקור פון ידיעת התורה געווען צו לעבן מיט א רבי. אביסל חומש האט מען געקענט לערנען אליין אבער דאס אלעס - און דער חומש האט אפילו נישט פארמאגט קיין פירוש רש"י. און דערפאר, אן דיין רבי ביסטו געווען אפגעהאקט פון דעם קוואל פון תורה.

אבער לאמיר זאגן מיר וואלטן היינט געהאט דעם סדר פון ערי מקלט און איינער פון אונזערע תלמידים ווערט נעבעך באשולדיגט צו גיין אין גלות, דאן וואלטן מיר געטראכט אז עס איז דער פליכט פון דער בית דין אים צו באזארגן מיט א ש"ס, א גרויסער ש"ס מיט אלע מפרשים דערצו, און אויך מיט אלע ראשונים און אחרונים, און אזוי וועלן מיר ערפילן די מצוה פון אים צושטעלן א רוחניות'דיגע לעבן - געב אים אן אוצר הספרים און דאס איז אלעס וואס ער דארף. אזוי וואלט עס אויסגעזען. דער רבי קען פארזעצן מיט זיין גרויסע עבודה פון פירן זיין ישיבה וואו אימער ער איז געווען און ער קען מאכן א גרויסע באשטעלונג ביי א אידישע ספרים געשעפט און שיקן אן אוצר התורה פאר זיין תלמיד.

## דער באדייט פון לעבן

און דאך ווערט נישט געגעבן אזא אויסוועג. אפילו היינט, מיט אלע אונזערע געדרוקטע ספרים און מיט אלע אונזערע תורה שיעורים אויפ'ן טעלעפאן, אויב וואלטן באנייט געווארן די ערי מקלט, וואלט זיך דער דין פון 'תלמיד שגולה, מגלין רבו עמו' נישט געטוישט. 'וחי' מיינט נישט בלויז אז ער זאל האבן עסן און קליידונג און מעדיצין און ספרים, נאר מער פון אלעם זאל ער אויך האבן זיין רבי. און דער רבי וואלט געדארפט קומען פערזענליך ווייל דאס איז וואס די תורה מיינט צו זאגן ווען עס שטייט 'וחי'. צו לעבן מיינט, ער זאל לעבן אינאיינעם מיט זיין רבי.

אצינד דארפן מיר פראבירן צו פארשטיין פארוואס עס איז אזוי. איר ווייסט, ווען איר לערנט מאטעמאטיקס איז דער וואס לערנט דיר עס געבט ער דיר נישט א טייל פון זיין נשמה. ער נעמט א טרוקענע רעכענונג וואס ער האט ערגעץ אין זיין טאש און ער געבט דיר עס איבער - עס מאכט נישט אויס קיין חילוק אויב ער געבט דיר די רעכענונג מיט א שמייכל אדער מיט א קרעכץ אדער מיט סיי וואספארא סארט איידעלע מחשבות. איר פארשטייט וואספארא סארט מחשבות לערערס האבן געווענליך אין די שולעס, וואס נאך א מזל אז די מחשבות גייען נישט אריין מיט די מאטעמאטיקס. נאך גוט אז די מחשבות פארבלייבן אין זיין קאפ און די שילערס באקומען נאר די מאטעמאטיקס.

## תורה איז נישט אלגעברא

אבער דאס איז נישט דער פאל דא; תורה איז נישט להבדיל ווי מאטעמאטישע פארשריפטן, ווי געאמעטרישע אויסשטעלונגען. ניין, תורה איז אינגאנצן עפעס אנדערש - ס'איז א וועג פון לעבן; אירע לערנונגען דארפן ווערן א טייל פון דיין מהות.

דער פראבלעם איז, אז מענטשן טראכטן געווענליך אין אן אופן פון פארגלייכונגען; זיי מיינען אז פונקט ווי אן אלגעברא לערער לערנט אויס אלגעברא, אזוי טוט א תורה לערער אויסלערנען תורה. ווי גלייך ס'איז (חלילה) די זעלבע זאך - נאר איין לערער איז געגאנגען אין אוניווערזיטעט און איינער איז

געגאנגען (להבדיל) אין כולל. און ווייל דער רבי האט געוויסע ידיעות וואס דו האסט נישט, דערפאר דארפסטו זיין אין פארבינדונג מיט אים כדי צו האבן צוטריט צו די דאזיגע ידיעות.

דער אמת איז אז מ'קען נישט באשולדיגן צו שטארק מענטשן וואס טראכטן אזוי, ווייל היינט ווערט דער גרעסטער טייל פון די תורה געלערנט פון בלעטער וואס האבן נישט קיין כאראקטער, נישט קיין מהות, נישט קיין געפילן. אפילו די רבי'ס אליין זענען צומאל ווי טרוקענע בלעטער און זייערע געדאנקען זענען אלע פאפיר געדאנקען. זינט עס איז געגעבן געווארן דער היתר אראפצושרייבן די תורה, איז די חשיבות פון פארמאגן א רבי געווארן נאכגעלאזט אין א געוויסן מאס. אבער אייגנטליך געבט א רבי אזויפיל מער ווי בלויז תורה ידיעות.

## אויפשטייגן אויפ'ן שיף

די גמרא (קידושין ע:) דערציילט אז אמאל איז איינער פון די חכמים, א תלמיד פון דעם גרויסן תורה ריז שמואל, זייענדיג אויף די עלטערע יארן, געקומען באזוכן נהרדעא. האט דאן רבי נחמן אויסגענוצט די געלעגנהייט אים צו פרעגן עפעס איבער א געוויסע הלכה וואס האט אים געמוטשעט. רבי נחמן האט אים געפרעגט, "האט איר אמאל עפעס געהערט איבער דעם פון שמואל?" האט שמואל'ס תלמיד געענטפערט, "יא, איך געדענק ווען שמואל האט אמאל געהאלטן ביים אוועקפארן פון אונז און ער האט געהאט איין פוס אויף א שיפל און איין פוס אויפ'ן בארטן; ווען ער האט געהאלטן אינמיטן אויפשטייגן אויפ'ן שיפל וואס זאל אים אריבערפירן דעם טייך, דאן האט ער אונז געלערנט די הלכה איבער וועלכן דו פרעגסט."

אזוי האבן מענטשן געקענט זייער רבי. ווען נאר זיי האבן איבערגע'חזר'ט סיי וואס פון די תורה, האט די צורה פון זייער רבי זיך געשטעלט פאר זייערע אויגן. דער וועג ווי אזוי ער איז געשטאנען, דער וועג ווי אזוי ער האט גערעדט, יעדער ריר איז געווען א טייל פון די תורה.

## דער אטעם פון דיין נאז

און דאס איז דערפאר ווייל תורה מיינט נישט נאר די הלכה אליין; עס מיינט פיל מער. ווען דער רבי רעדט, פארשטייט דער תלמיד אז ער באקומט יעצט פון זיין רבי א טייל פון זיין נשמה. די תורה איז איבערגעגעבן געווארן מיט א **הארת פנים** באגלייט מיט געפילן אויף אזא אופן אז עס קען נישט זיין לעבנסלאז. **כי הם חיינו!** דאס איז געווען די לעבנסבלוט וואס איז אריבער פון א רבי צו זיין תלמיד און איז געווארן א טייל פון זיין נשמה.

און דאס איז וואס עס מיינט לעבן - דאס איז וואס א רבי איז באמת. ס'איז נישט בלויז אן אויסשלייפונג. ס'איז נישט קיין לוקסוס. א רבי איז ממש דער אטעם פון דיינע נאזלעכער. ס'איז דיין לעבן אין די קומענדיגע וועלט. דאס איז וואס מיר לערנען דא און דאס איז די כוונה פון די תורה ווען עס שטייט, 'וחי'. צו לעבן אויף די וועלט מיינט אז דו זאלסט לעבן אינאיינעם מיט דיין רבי.

# חלק ב. אויסוועלן לעבן

## דער אוצר פון בחירה

אלזא, ווען מיר רעדן איבער דער רבי וואס גייט אין גלות אינאיינעם מיט זיין תלמיד צוליב 'וחי'; כדי אים צו העלפן לעבן, דארפן מיר וויסן אז ס'איז דא עפעס מער וואס רעכנט זיך אריין אין דאס לעבן וואס א רבי שטעלט צו. און דאס איז דער געוואלדיגער ענין פון **'ובחרת בחיים'** - און דו זאלסט אויסוועלן לעבן. ס'איז א מצוה אין די תורה און דאס מיינט אז דו זאלסט אלעמאל אויסוועלן דעם ריכטיגן דרך - דער דרך וואס וועט דיר פירן צו עולם הבא.

אבער קודם, אלס א הקדמה, איז וויכטיג צו פארשטיין וואספארא איידלשטיין, וואספארא זעלטענער פויגל, עס איז די מעגליכקייט צו אויסוועלן. ס'איז נישטא קיין זאך אין די וועלט וואס איז אזוי געוואלדיג ווי בחירה.

אפלערנענדיג די בריאה, וועסטו זען אז עס איז נישטא אזא זאך ווי עפעס זאל זיך טון פון זיך אליין - יעדער חפץ אין די וועלט, יעדער נאטור גאנג, יעדער אקט, איז א רעזולטאט פון געוויסע גורמים וואס האט עס געמאכט זיין דאס וואס עס איז אדער האט עס געמאכט פונקציאנירן אזוי ווי עס פונקציאנירט. ס'איז נישטא קיין זאך וואס איז אומאפהענגיג צו די געזעצן פון גורמים און תוצאה וואס דער באשעפער האט איינגעפלאנצט אין די נאטור ביי בריאת העולם. דער ווינט באשליסט נישט צו בלאזן; עס בלאזט צוליב א גאנג וואס דער באשעפער האט איינגעשטעלט אינעם אטמאספער. די רעגן באשליסט נישט אז היינט איז א גוטע צייט צו רעגענען; דאס איז אלעס א טייל פון דער אויסגערעכנטער סיסטעם פון גורם און תוצאה וואס איז באשאפן געווארן דורך דעם קל עליון, דער פארכטיגער באשעפער וואס מאכט די אלע אויסוואלן.

## די אינסטינקטן פון חיות

אזוי איז אויך אין די חיות וועלט - אלע חיות פאלגן נאך די אינסטינקטן מיט וואס זיי זענען באשאפן געווארן. א פויגל, איר זעט עס ארומטאנצן מיט א בלעטל אין איר מויל - דער פויגל גייט בויען א נעסט. ער האט באשלאסן אז ס'איז צייט צו בויען א נעסט? ניין. ער וועט בויען א נעסט ווייל ער האט אן איינגעבויטער פראגראם וואס זאגט אים ווען צו בויען א נעסט און ווי אזוי צו בויען א נעסט. דער פויגל וועלט גארנישט אויס צו טון - ער פארשטייט נישט קיין זאך; אלעס וואס ער טוט איז שוין אריינגעזעצט אין זיין מח מיט אלע פרטים פון וואס צו טון און ווי אזוי עס צו טון, אן קיין אנווייזונגען פון זיינע עלטערן. עס ווערט געבוירן מיט די אינפארמאציע שוין אריינפראגראמירט אין זיין מח קאמפיוטער.

אויב זעט איר א בין ארויסקומען פון איר נעסט, אויך ווען זי לאזט זיך יעצט ארויס אויף איר פלי רייזע, דארף עס נישט קיין שום אנווייזונגען. זי פליט אין א וואונדערבארער אויסגערעכנטער אופן לויט די שפורן וואס זי פאלגט נאך פון פריערדיגע בינען וועלכע האבן פארלאזט די נעסט און ארויסגעפלויגן אין וועג; דורך געוויסע סיגנאלן קען די יונגע בין זיך ארויסלאזן און נאכגיין א פאראויס-פראגראמירטער שטעג.

די בין ווייסט אפילו ווי אזוי צו נאכפאלגן די נייגונג פון די זון! ס'איז מערקווירדיג ווי אזוי די בין פונקציאנירט ווי א געלערנטער נאוויגאטאר ניצנדיג ביידע; די צייכנס וואס זענען איבערגעלאזט געווארן דורך די פריערדיגע מחנה פון בינען וואס זענען ארויס אין וועג און אויך געוויסע כוחות פון נאטור ווי די זון און די ערד'ס צי קראפט. די קליינטשיגע בין וואס איז קיינמאל נישט געגאנגען אין קיין שולע - זי איז אפילו נישט געלערנט געווארן אין שטוב דורך די מאמע בין - און עס באזוכט בלומען און זאמעלט איין בלומען שטויב און זאפט. און ס'טוט אלעס מיט די גרעסטע פאכמאנישקייט! זי פארשטייט נישט קיין זאך אבער אלעס איז פראגראמירט אין איר מח מיט אלע פרטים וואס צו טון און ווי אזוי עס צו טון.

אלזא, דאס איז א פאקטישע ווירקליכקייט אין די בריאה - קיין שום זאך אין די וועלט מאכט נישט קיין אייגענער אויסוואל; אלעס פאלגט נאך א גאנג פון חכמה וואס דער באשעפער האט אראפגעשטעלט ביי בריאת העולם.

## דער צוועק פון די מענטשהייט

אבער עס איז דא איין אויסנאם צו דעם כלל. די מענטשהייט! דער מענטש האט א פרייע בחירה צו אויסוועלן. דאס איז עפעס וואס מיר וויסן פון די תורה; דאס איז א זעלבסטפארשטענדליכער טייל פון אונזער תורה'דיגע מסורה ווייל די תורה רעדט נאכאנאנד צום מענטש, מיט הבטחות פון שכר אויב ער איז

בוחר דאס אדער יענץ און מיט ווארענונגען פון שטראפן אויב ער איז חלילה בוחר פארקערט. אויב א מענטש וואלט געווארן באצוואונגען דורך כוחות פון זיין נאטור אדער דורך אומשטענדן, דאן וואלט זיך נישט געלייגט אויפ'ן שכל אים צו באפעלן און עס וואלט זיכער נישט געווען ריכטיג אים צו באשטראפן; אויך שכר וואלט נישט געווען אין פלאץ. אלזא זעען מיר פון די תורה אז בחירה חפשית, פרייער ווילן, איז א יסוד צו כל התורה כולה.

און דאך, פאר עולם הזה אליין וואלט אונז געווען לייכטער אויב מיר וואלטן נישט געהאט א פרייער ווילן; מיר וואלטן געקענט האבן אינסטינקטן אויף ווי אזוי צו לעבן גליקליך און פונקט ווי דער קו אין פעלד און דער פויגל אויפ'ן בוים, וואלטן מיר געווען צופרידן. קיינער וואלט נישט געמאכט קיין שום דעמאנסטראציעס, עס וואלטן נישט געווען קיין רעוואלוציעס, עס וואלטן נישט געווען קיין קריגערייען און קיין גיטין - עס וואלט געווען א פשוט'ער געזעצטער וועג פון לעבן. און מיר וואלטן גליקליכערהייט אדורכגעלעבט אונזער לעבן און דאן וואלטן מיר געשטארבן אזוי ווי די חיות. מיר וואלטן גארנישט געהאט אויף וואס ארויסצוקוקן, גארנישט אויף וואס צו ארבעטן, אבער כאטש וואלט די וועלט געווען אן ערפאלגרייכער איבערלעבעניש.

אבער אנדערש ווי ביי דער איבריגער טייל פון די בריאה, איז אונזער ציל נישט עולם הזה; אונזער ציל איז די קומענדיגע וועלט. און דאס איז פארוואס מיר זענען געגעבן געווארן די גרויסקייט וואס שטייגט איבער אלעס אנדערש אויף די וועלט - ווייל אונזער ציל שטייגט איבער די ציל פון אלעס אנדערש אויף די וועלט.

## די גרעסטע קשיא

אלזא, אין א געוויסן זין, איז פרייע בחירה א מתנה וואס צייכנט זיך אויס אין אלע אופנים פון חסד וואס דער באשעפער געבט אונז אויף די וועלט, ווייל דאס איז דער מיטל דורך וועלכן מיר דערגרייכן צו געוואלדיגע שמחה אין די קומענדיגע וועלט. דער פשוט'ער אמת איז אז עס איז נישטא עפעס גרעסער ווי די געלעגנהייט צו אויספירן דעם ובחרת בחיים, צו אויסוועלן לעבן. ווייל פון וואספארא סארט לעבן רעדן מיר? איר וועלט אויס לעבן וואס בלייבט אויף אייביג.

און דערפאר ברענגט דאס אונז צו א גרויסע שאלה; וואס טוען מיר מיט די געוואלדיגע אויפגאבע? נאך אלעם, האט דיר דער באשעפער נישט געמאכט אלס א פויגל אדער א בין - ער האט דיר געגעבן אט די זעלטענע מתנה פון פרייער ווילן, איז דארפסטו אלזא אפגעבן אביסל צייט צו אריינטראכטן אין אט די שאלה. דאס איז אינגאנצן נישט קיין קליינער קשיא - טראכט נישט אז דאס איז סתם עפעס א לופטיגער סארט פילאזאפישער שמועס וואס פאדערט נישט דיין אויפמערקזאמקייט. אה ניין, דאס איז די קשיא פון אלע קשיות, מן הסתם די גרעסטע שאלה וואס וועט דיר אמאל אנטרעפן: "וואס זאל איך טון מיט די געוואלדיגע אויפגאבע?" נאך אלעם, פיל מענטשן פארפאטשקען נאכאנאנד זייער לעבן דורך אויסוועלן נישט ריכטיג און זיי ערפילן נישט זייער תפקיד אויף די וועלט צו וואס זיי וואלטן געהאט די פעאיגקייט.

## אויפנעמען א משגיח

און דאס פירט אונז צו איינע פון די נקודות פון די נושא פון בחירה וואס ווערט צו אפט פארזען - דאס איז דער וויכטיגער יסוד פון ניצן דעם פרייען ווילן אויף צו באגרעניצן דעם פרייען ווילן. איר הערט דעם חידוש?! עס זענען דא אופנים ווי אזוי מיר קענען נעמען די מעגליכקייט פון אויסוועלן און עס ניצן כדי זיך צו אפהאלטן פון פרייער ווילן! און די ערקלערונג אויף דעם איז, אז איר ווערט נישט באטראכט אלס לעבעדיג אויסער אויב איר זענט אונטער די וואכזאמע אויגן פון א רבי, ווייל ער צווינגט דיר צו אויסוועלן דעם גוטן וועג; זיין אנוועזנהייט צווינגט דיר צו אויסוועלן לעבן!

אלזא, איך פארשטיי אז דאס ווערט נישט אנערקענט, ווייל מענטשן פארשטייען נישט וואס עס מיינט צו קאנטראלירן דיין פרייער ווילן אבער איך וועל אייך געבן א ביישפיל, א גאנגבארע מעשה, כדי איר זאלט עס פארשטיין. לאמיר זאגן, עס איז דא א בחור אין ישיבה וואס צומאל קומט ער נישט אראפ צו שחרית; עס פאסירט אמאל אין ישיבה. און אזוי איין טאג קומט צו אים צו דער משגיח און פרעגט אים, "וואס טוט זיך מיט קומען צו תפילת שחרית?" איז וואס זאגט דער בחור? ער ענטפערט, "איך האב ליב צו קומען און צו ווערן געצוואונגען דערצו." ער וויל נישט מ'זאל אים הייסן קומען.

למעשה, דער בחור אנערקענט נישט אז וואס ער זאגט איז פונקט פארקערט פון לאגיק ווייל איינע פון די ערשטע וועגן צו ניצן דיין פרייער ווילן איז זיך אריינצולייגן אין א מצב וואו דו ווערסט געצוואונגען צו אויסוועלן לעבן. דו דארפסט ליב האבן צו ווערן געצוואונגען, דו דארפסט וועלן ווערן געצוואונגען. ווייל ווען דו וועלסט אויס צו באגרעניצן דיין פרייער ווילן דורך זיך שטעלן אונטער די וואכזאמע אויגן פון אנדערע, מאכסטו נוצן פון איינע פון די בעסטע געצייג וואס איז פארהאן צו ראטעווען דיין לעבן.

## בעטן פאר די סביבה

ווי דער מירער משגיח זכרונו לברכה, רבי ירוחם פלעגט זאגן, "צו זיין מוכרח אויף יראת שמים, צו ווערן געצוואונגען, אויף דעם דארפן מיר דאווענען."

איר ווייסט, אין דעם יהי רצון וואס מיר זאגן ווען מיר בעטן אויפ'ן נייעם חודש זאגן מיר, **חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים און אויך חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא**. עס זעט אויס ווי א דאפלט לשון; מיר בעטן אויף יראת שמים צוויי מאל אין זעלבן שטיקל?

וועל איך אייך זאגן עפעס וואס איך האב געהערט מער ווי זעכציג יאר צוריק, פון מיין חברותא אין סלאבאדקע, רבי אהרן בירזשער זכרונו לברכה. די דייטשן האבן אים גע'הרג'ט - ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, דער איידעם פון דער קורדאנער רב און ער איז אומגעברענגט געווארן צוזאמען מיט די קורדאנער אידן. ער האט געזאגט אזוי: די בעסטע זאך איז **שתהא בנו** - מיר זאלן האבן יראת שמים, אבער אין פאל וואס מיר האבן עס נישט אליין, זאל כאטש זיין **חיים שיש בהם** - מיר זאלן זיין אין אזא סביבה פון יראת שמים, אז די סביבה צווינגט אונז זיך צו פירן גוט.

לכבוד אלע טייערע לומדי תורת אביגדור אידיש שיחי'

**מקרב הלב וויל מיר זיך באדאנקן פאר אלע חשובע מזכי הרבים וואס האבן גערופן און זיך משתתף געווען מיט נדבות צו קענען אנגיין בעבודת הקודש, בנוסף צו שטארקע דברי חיזוק פון אסאך אידן הנהנים מידי שבוע בשבוע.**

**דאס טוט אונז ערמעגליכן אייך פארצולייגן תורת אביגדור לחודש תמוז**

**מיט א בקשה אויף ווייטער ביטע רופט צו מנדב זיין מיר זאלן קענען ממשיך זיין בהפצה לאור עולם די גליונות ל'חודש אב' הבעל"ט, לשם ולתפארת.**

מיט דאנק

**משה הורוויץ**

director@torasavigdor.org - 347-451-0332

## נצחיות דורך חיצוניות

אויב לערנסטו אין כולל, אפילו אויב דו ביסט נישט קיין גרויסער מתמיד, אבער דו דארפסט עפענען א ספר פון מאל צו מאל. ווען דער ראש הכולל הייבט אויף זיין קאפ פון זיין ספר, דאן מוזטו זיכער אריינקוקן אין ספר! דאס איז א גרויסער פארדינסט! דאס איז געוואלדיג!

אזוי אויך, אויב טראגסטו א שווארצער הוט און דו פירסט זיך ווי א פרומער איד דאן קען נישט דיין ווייב זיין ווי א פרוי פון די גאס און גיין אנגעטון אויסגעלאסן, בלויז פאר דעם ווייל מענטשן וועלן קוקן אויף איר מאן און דערנאך אויף איר און עס דארף זיין פאסיג. אזוי ווערסטו באצוואונגען צו א געוויסער סארט אויפפירונג. טו דאס נישט גרינגשעצן! דאס איז זייער א געוואלדיגער אויפטו, צו קוקן אויף דרויסנדיגע סיבות וואס צווינגען אונז צו זיין בעסערע מענטשן, וואס צווינגען אונז צו אויסוועלן גוטס. דאס איז זייער א וויכטיגער טייל אין די מצוה פון ובחרת בחיים, פון אויסוועלן א לעבן וואס געבט דיר א נצחיות'דיגע לעבן. ווי מער מיר וועלן אויס צו באגרעניצן אונזער פרייער ווילן און זיך צווינגען צו זיין פארפליכטעט צו ווערן בעסערע מענטשן איז דאס שוין א וועג צו דערגרייכן גרויסקייט.

## די לעבנס רעטונג

און דערפאר, א תלמיד וואס האט געדארפט גיין אין גלות, עס קען זיין אז ער איז א גרויסער למדן. מיר רעדן נישט פון א זעכצן יעריגער בחור וואס דארף האבן א רבי וואס זאל אים טייטשן די גמרא; מיר רעדן דא פון א מענטש פון פערציג, פופציג, זעכציג, ער איז א גרויסער תלמיד חכם און אין געוויסע פעלער קען מעגליך זיין אז ער ווייסט אפילו מער ווי זיין רבי. ער קען איבערלאזן זיין רבי און זיך מאכן אליין א ישיבה אין דעם עיר מקלט. זאגט אונז די תורה, 'נישטא וואס צו מאכן!' דאס ווערט נישט אנגערופן לעבן. נישט קיין חילוק וואס, מוזטו איינעם האבן; יעדער מענטש דארף האבן א **גַּבְרָא דְּמִסְתְּפֵינָא מִנֵּהּ** - א מענטש פון וועמען ער האט מורא (מועד קטן כד.). דאס איז דער פארדינסט פון זיין נאנט צו א רבי.

ווען דער רבי איז אנוועזנד איז דא א געוויסער כח, עפעס וואס האלט דיר איין; עס מאכט דיר טראכטן צוויי מאל און דריי מאל איידער דו טוסט עפעס. וויפיל מענטשן זענען שוין פארלוירן געגאנגען ווייל זיי האבן נישט געוואוסט אדער נישט אויסגעפאלגט די דאזיגע ווארענונג? אפשר זענען זיי נישט אינגאנצן פארלוירן געגאנגען, אבער זיכער האבן זיי געמאכט פיל שריט, פיל טעותים, וואס זיי וואלטן געקענט פארמיידן אויב וואלטן זיי זיך צוגעהאלטן צו א רבי.

נישט קיין חילוק ווי גוט איר קענט שווימען, די שטורעמישע כוואליעס אין לעבן זענען מאכטפולער פון וואס איר קענט זיך פארשטעלן. איר ווייסט, אויב זענט איר אויפ'ן ים און איר פאלט ארויס פון א שיפל און איינער ווארפט אייך צו א לעבנס רעטער, דאן שווימט איר נישט אליינס ארויס פון די וואסער, אפילו אויב איר זענט אן ערפארענער שווימער, נאר איר האלט זיך צו צו די לעבנס רעטער ווייל דאס איז אייער רעטונג! וחי! ווי זיכער דו ביסט אין דיין פעאיגקייט צו דורכשווימען די וועלט, מוז יעדער מענטש זיך אנהאלטן צו זיין רבי ווייל דאס איז לעבן.

## וואוין נאנט צו דיין רבי

דאס איז א געוואלדיגער יסוד וואס די גמרא לערנט אונז: **לעולם ידור אדם במקום רבו**, א מענטש זאל שטענדיג וואוינען אין דעם פלאץ פון זיין רבי (ברכות ח.). געוויסע מענטשן טראכטן היינט אז דאס איז באגרעניצט צו חסידים, אבער אפילו חסידים טוען דאס נישט אלעמאל אויספירן ווי עס דארף צו זיין. געוויסע ניצן זייער רבי ווען זיי נויטיגן זיך אין א ברכה פון אים אדער צו בעטן ער זאל מתפלל זיין פאר זיי, אדער פאר אן עצה אין א שווערן פאל. אבער צו וואוינען נעבן דעם רבי'ן ווייל דאס איז דיין לעבן, דאס איז א באגריף וואס ווערט שטארק פארזען. און דאס באדייט אז מענטשן טוען פארזען דאס לעבן.

אודאי וועט איר פרעגן, "ווער איז מיין רבי? איך האב געהאט דער רבי, איך האב געהאט יענער רבי. איך בין דורכגעגאנגען די ישיבה יארן און געהאט זעקס אנדערע רבי'ס, יעדן יאר אן אנדערער, און זיי וואוינען אויף פארשידענע אנדערע אדרעסן. צו וואו זאל איך זיך אריבערציען?" כאטש נעבן איינער פון זיי! נעבן דעם מיט וועמען דו האסט געהאט די מערסטע שייכות, דער צו וועמען דו ביסט געווען די נאנטסטע.

## זען און ווערן געזען

דו קענסט זיך נישט אריבערציען? מאך זיכער אז דו זעסט אים וויפיל עס איז מעגליך. פיל מענטשן האבן גארנישט. פרויען רופן מיר אן אויפ'ן טעלעפאן אז זיי האבן פראבלעמען מיט זייערע מענער. פרעג איך, "אין וועלכן שול דאווענט ער?" אויב וואלט ער געהאט א רב וואלט זי אים געקענט אנרופן, וועט דער רב קענען רעדן מיט אים.

"ער דאווענט אין אפאר שולן," ענטפערט זי מיר.

דאס מיינט אז ער איז א יתום. פרייטאג צונאכטס גייט ער צו איין פלאץ, שבת אינדערפרי טוט ער אן זיין טלית און וואנדערט ארום צו פארשידענע פלעצער. צו מנחה און מעריב, אויב גייט ער אין שול, איז דאס אין אן אנדער ארט.

פרעג איך איר, "ער קען דעם רב פון איינע פון די שולן?"

"ניין. ער איז נאך קיינמאל אפילו נישט צוגעגאנגען צו זאגן גוט שבת צו איינע פון די רבנים."

צומאל זאגן זיי מיר אז זיין איינציגסטער רבי איז באערדיגט אין אייראפע. דאס איז נישט גענוג. א נישט לעבעדיגער רבי קען דיר נישט מוסר'ן - ער קען נישט האלטן אן אויג אויף דיר. א מענטש וואס האט נישט קיין רבי איז א הילפסלאזער פאל. איר זענט נישט קיין שרץ אדער א פייגל וואס קען זיך פארלאזן אויף זיינע אינסטינקטן צו מצליח זיין. א מענטש דארף האבן א רבי, איינער וואס זאל שטיין איבער אים, אנדערש ווערט עס נישט אנגערופן געלעבט.

## וואו זיך צו אריבערציען

אויב האסטו קיינמאל נישט געהאט א רבי, איז דאס א גרויסער פראבלעם. ס'איז א גרויסער רחמנות. וואו זאלסטו וואוינען? דארט וואו דיין ווייב באשליסט אז עס איז דער שענסטער געגנט?! צי זאל איך זיך אריבערציען ערגעץ אויף די בערג; א נייער געגנט מיט נייעביימער און נייע הייזער און נייע אידן? אלעס נעמסטו אין באטראכט ווען דו באשליסט וואו זיך ארויסצוציען, אויסער דער וויכטיגסטער פונקט. די עיקר נקודה דאס איז וואס עס ווערט די מערסטע פארנאכלעסיגט; זיך צו האלטן במקום רבו.

איז דאס נישט א נייער דערהער? ווען דו טראכסט וואו זיך צו באזעצן, צו מאכן זיכער אז ס'איז נעבן דיין רבי? אדער כאטש אן אנדערער רבי אפילו עס איז נישט דיינס. **עשה לך רב** מיינט צו מאכן איינעם פאר דיין רבי! דער רב פון נאנטן שול, א תלמיד חכם וואס וואוינט דערנעבן, איינעם! אודאי פראביר זיך צו אנקניפן צום בעסטן וואס דו קענסט אבער סיי וועמען דו טוסט אויסוועלן דארפסטו זיך האלטן צו אים. דאס מיינט נישט אז דו ביסט פארפליכטעט צו אים אויף אייביג, אבער ביז דו טרעפסט א בעסערן אויסוואל, איז דאס דיין לעבן.

וועל אויס א ישיבה און צי זיך אריבער ווי נאנט דו קענסט צו די ישיבה. די ישיבה וועט זיין דיין רבי. ס'איז גוט צו שפירן ווי די ישיבה לייט קוקן דיר נאך. דער ישיבה בנין קוקט דיר נאך. דער ראש ישיבה, דער ראש הכולל. ס'איז ווערד אלע געלטער זיך צו באזעצן דארט. עס איז זייער אן ערנסטער ענין דאס וואס איך זאג אייך יעצט. דער אומגעגנט פון א ישיבה איז דער געזונטסטער פלאץ וואו צו וואוינען. איר האט נישט קיין אנונג וואספארא השפעה עס וועט האבן אויף אייך און אייער ווייב און אייערע קינדער אויב איר פאלגט נאך דעם רעצעפט פון די חז"ל, **לעולם ידור אדם במקום רבו.**

דאס איז עס - די תורה האט אראפגעשטעלט דעם פארשריפט. און לעולם מיינט אייביג! אפילו ווען איר זענט שוין עלטער און איר זענט שוין געווארן זעלבסטשטענדיג. ס'קען זיין איר זענט שוין א גברא רבא, א גרויסער מענטש; אדער כאטש זענט איר שוין חתונה געהאט און איר האט קינדער, אפילו אייניקלעך, איז טראכט איר אז איר זענט שוין עפעס. און אפשר זענט איר טאקע. אבער נישט קיין חילוק; לעולם! אלעמאל! איר זאלט זיין ווי נאנט עס איז מעגליך צו אייער לערער, שטענדיג, כדי איר זאלט אים זען און ער זאל אייך זען. איר מוזט שטענדיג בלייבן אונטער איינעמ'ס אויפזיכט.

# חלק ג. דאס לעבן אמאל

## דער גורם צום חורבן

אלזא, כדי צו באטאנען די וויכטיגקייט פון א רבי וואס קוקט אייך נאך, זאגט אונז דארט די גמרא גאר א מערקווירדיגע זאך אויף זייער א גרויסער מענטש חז"ל זאגן אונז אז צוליב דעם וואס עס איז נישט אויסגעפירט געווארן די ווארענונג פון האבן איבער זיך א רבי, דאס האט גורם געווען דער גלות! דער חורבן בית המקדש! איר ווייסט פארוואס מיר טרויערן היינט אויף דעם בית המקדש? ווייל שלמה המלך האט געמאכט דעם גרויסן טעות פון מאכן באשלוסן אן זיין רבי.

די גמרא זאגט אז **כל זמן ששמעי בן גרא קיים**, ווילאנג שלמה'ס רבי, שמעי בן גרא, האט געלעבט, **לא נשא שלמה את בת פרעה**, האט שלמה נישט חתונה געהאט צו די טאכטער פון פרעה. נאר נאך וואס זיין רבי איז נסתלק געווארן האט ער געמאכט דעם באשלוס צו חתונה האבן מיט איר, וואס דאס האט שפעטער צוגעברענגט צום חורבן פון ירושלים.

למעשה, ווען מיר נישט זאגן אז שמעי בן גרא איז געווען גרעסער ווי שלמה המלך. שלמה איז ווייט איבערגעשטיגן זיין רבי און דער באשעפער האט שוין געהאט געלייגט זיין חותם פון הסכמה אויף שלמה אז ער איז דער חכם מכל אדם (מלכים א ה:יא). דאס מיינט אז ער איז געווען דער קלוגסטער מענטש פון אונזער געשיכטע און ער איז געווען זייער פעאיג זיך אן עצה צו געבן אליין. ער האט געקענט מאכן די בעסטע באשלוסן, אזוי זעט עס אויס צו אונז.

## שלמה'ס דורכגעארבעטער פארטיידיגונג

און דער אמת איז, אז אויב שמעי בן גרא וואלט אים פארגעהאלטן, וואלט שלמה געהאט וואס צו זאגן. לאמיר זאגן, אויב שלמה וואלט געמיינט אז זיין רבי לעבט נישט און מיטאמאל, נאכ'ן חתונה האבן מיט די בת פרעה וואלט זיין רבי זיך באוויזן און געזאגט, "שלמה, וואס טוסטו דא?! דו מיינסט אז בלויז דערפאר וואס דו האסט איר מגייר געווען, איז עס ריכטיג צו טון?!" איז קענט איר זיכער זיין אז שלמה וואלט געהאט א גאנצער צוגעגרייטער פלפול, א מערכה, צו פארטיידיגן זיין טאט. נישט ווי אין שאלות ותשובות, א מערכה פון בלויז צען ענפים; אה ניין, דאס איז א קינדער-שפיל צו די חכמה פון שלמה. ער וואלט צוזאמגעשטעלט א גאנצער סעט פון ספרים צו פארטיידיגן זיין שטאנד.

ס'איז דא א הלכה ספר וואס ווערט גערופן 'חזקה רבה', א גרויסער סעט אזוי ווי א ש"ס, וואס אלעס דארט רעדט אויף די נושא פון חזקה. חזקה רבה, א גאנצער סעט אזוי ווי דאס. שלמה המלך וואלט געמאכט א סעט וואס איז דריי מאל, צען מאל, אזוי גרויס ווי דאס! און ער וואלט אויפגעוויזן באותות ובמופתים אז נישט נאר וואס עס איז מותר, נאר עס איז א מצוה, א חיוב דאס צו טון.

איך האב שוין אמאל גערעדט איבער שלמה המלך'ס דרך אין דעם צוליב וועלכן ער האט חתונה געהאט צו די בת פרעה. עס איז געווען זיין טיפער פלאן צו פארמערן כבוד שמים; צו פארשפרייטן אמונה אין די גאנצע וועלט דורך זיך משדך זיין מיט פיל קעניגליכע פאמיליעס און משפיע זיין אויף די קעניגרייכן פון

די וועלט. סיי וואס עס זאל זיין, וואלט שלמה המלך זיך געקענט מאכטפול פארטיידיגן קעגן זיין רבי.

## רוים איז נישט געבויט געווארן אין איין טאג

און דאך זאגט די גמרא אז בלויז דערפאר וואס זיין רבי האט מער נישט געלעבט, דערפאר האט ער דאס געטון. ער וואלט עס קיינמאל נישט געטון אין זיין רבי'ס אנוועזנהייט. ס'איז א מערקווירדיגע זאך! אויב וואלט ער געווען אין שאטן פון זיין רבי, אויב וואלט זיין רבי נאך געלעבט, וואלט שלמה זיך געקווענקלט צו טון אזא שריט. ער וואלט עס איבערגעטראכט און עפעס אין זיין מח וואלט אים געווארנט זיך אפצוהאלטן דערפון. דער בלויזער אנוועזנהייט פון שמעי בן גרא וואלט אים אפגעהאלטן - טראץ שלמה'ס ריזיגער קאפ און זיין אויסערגעוועהנליכע מעגליכקייט צו אויסוועלן, דער פאקט אז עס איז דא איינער אינעם הינטערגרונט, דאס וואלט באגרעניצט זיין ריזיגער פרייער ווילן.

ס'איז נאר געווען דאן ווען שלמה האט פארלוירן דער איינער, דאן איז עס געווען ווען עס זענען איינגעזייט געווארן די קערנדלעך צום חורבן בית המקדש. די גמרא זאגט אז אין יענע צייט ווען שלמה האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון פרעה, איז א מלאך אראפגעקומען און אריינגעשטעקט א שטעקן אינעם ים און ים-גראז האט אנגעהויבן זיך ארומזאמלען ארום דעם שטעקן. און דאן מער ים-גראז און דאן זאמד און שמוץ, און נאך א שטיק צייט האט זיך אנטוויקלט אן אינזל ארום דעם שטעקן און דארט האט זיך געפארעמט א שטיקל לאנד אויף וועלכן רוים איז געבויעט געווארן.

למעשה, דאס איז א משל, פארשטייט זיך, אבער דאס מיינט צו זאגן אז ווען רוים איז פאקטיש געקומען צום סוף און חרוב געמאכט דעם צווייטן בית המקדש, איז דער חורבן געווען א רעזולטאט פון דעם ערשטן חורבן, און דער ערשטער חורבן איז געווען א רעזולטאט פון שלמה'ס זינד.

אודאי האט עס גענומען פיל קייקלענישן און מצבים ארויף און אראפ פון דעם טאג וואס ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון פרעה ביז צום חורבן אבער אונזערע חז"ל האבן געזען א פארבינדונג פון דעם חורבן בית המקדש און דאס וואס אידן זענען פארשיקט געווארן פון ארץ ישראל אין גלות צו דאס וואס איז געווען הונדערטער יארן פריער ווען א גרויסער צדיק האט מער נישט געהאט זיין רבי.

## פארלוירן נבואה

עס ליגט אין דעם א גרויסער לימוד וואס די חז"ל ווילן אונז לערנען - צו האבן איינער וואס קוקט דיר נאך איז אזוי וויכטיג אז דער צוקומפט פון אונזער פאלק הענגט זיך אן אין דעם. דער קיום פון דאס אידישע פאלק, אונזער הצלחה, ווענדט זיך אין יעדן איינער פון אונז צו לעבן אונטער'ן שאטן פון א רבי, איינער וואס קוקט אים נאך.

און דערפאר איז איינער פון די וויכטיגסטע זאכן וואס מיר באוויינען אין די טעג פון אבילות, דאס אז מיר האבן פארלוירן דעם כח פון נבואה; מיר האבן פארלוירן דער גאנצער מציאות פון האבן גרויסע לייט וואס זאלן שטיין איבער אונז און אונז פירן. אודאי וויינען מיר אויף דעם חורבן פון דאס הויז פון באשעפער און אויף די מענטשן וואס מיר האבן פארלוירן, דער **עַם ה' שֶׁנָּפְלוּ בֶּחָרֶב**, אבער מיר טארן קיינמאל נישט פארגעסן אויף וואס נאך מיר וויינען, אויף די געוואלדיגע געלעגנהייט וואס איז פארלוירן געגאנגען ווען עס האט זיך געענדיגט די נבואה.

למעשה, אויב ווילן מיר ריכטיג טרויערן דארפן מיר וויסן אויף וואס מיר טרויערן. דאס מיינט אז מיר דארפן האבן א קלארע בילד אין אונזער מח, וואס איז געווען די פארדינסט פון די נביאים?

## די מגידים פון אמאל

איר ווייסט, אז ביז בערך הונדערט יאר צוריק זענען געווען מגידים, דרשנים, וואס פלעגן באזוכן די

קהילות און רעדן צו די אידן. זיי האבן גערעדט לאנגע שעות פול מיט קריטיק. דער קעלמער מגיד פלעגט קומען צו שטעטלעך און רעדן; ער האט גערעדט פאר צוויי אדער דריי שעה. ער האט זיי אטאקירט מיט זיינע רייד. און מיינט נישט אז מענטשן זענען נישט געקומען הערן. עס האט ווי געטון אבער זיי האבן דאך אויסגעהערט.

א מענטש האט מיר דערציילט אז ער געדענקט אין די עשרת ימי תשובה פלעגט דער מגיד רעדן צו די געשעפט אייגנטימערס איבער ערליכקייט מיט וואג און מעסטונגען. דער מענטש האט געזאגט אז ער געדענקט, אויב איז מען ארויסגעגאנגען אויף א שפאציר אינדרויסן פון שטאט, האט מען דארט אנגעטראפן וואג שטיינער און מעסטונגען וואס די געשעפטן אייגנטימערס האבן ארויסגעווארפן כדי צו קויפן נייע, ווייל די זענען שוין געווען אפגעדינט און האבן נישט געוויזן קיין פונקטליכע מעסטונגען. דאס איז וואס דער מגיד האט אויפגעטון אין יענע טעג, נישט אזוי לאנג צוריק.

## די אריגינעלע מגידים

אבער דאס אלעס איז גארנישט אין פארגלייך צו וואס מיר האבן אמאל פארמאגט. ס'איז גארנישט אין פארגלייך צו די טעג פון די נביאים! ווען דער נביא איז געקומען האט ער גערעדט מיט די גרעסטע שטארקקייט צו אפשרייען סיי וואס ער האט געזען וואס איז נישט גוט. קיינער - נישט די קעניגן, נישט די תלמידי חכמים, נישט די רייכע - קיינער איז נישט געווען באשיצט קעגן דעם נביא'ס קריטיק.

און ער איז נישט געווען א געקונצלטער רעדנער, אן אונטערהאלטער וואס האט זיי דערציילט מעשה'לעך; ער האט נישט באהאלטן זיין קריטיק צווישן מעשיות. ער האט זיי געזאגט גראד אין פנים וואס איז נישט גוט מיט זיי. די קלענסטע זינד זענען פארגעשטעלט געווארן דורך דעם נביא אין די ערגסטע ווערטער. דאס איז געווען דער סדר פון נבואה. קיין זאך איז נישט באטראכט געווארן קליין. און עס איז געזאגט געווארן אין דעם ביטערסטן וועג.

אין געוויסע פאלן האבן אידן פראבירט צו אפשטילן דעם נביא דורך אים הרג'נען. זכריה בן ברכיה איז גע'הרג'ט געווארן אויף דעם באפעל פון דעם קעניג יואש. ער האט קריטיקירט דעם קעניג אין די עפנטליכקייט, האט דער קעניג געשיקט איינעם וואס זאל אטאקירן דעם נביא אין באהעלטעניש און ער האט אים גע'הרג'ט. דאס איז געווען א פאל וואס איז קיינמאל נישט פארגעסן געווארן אין די היסטאריע. דאס בלוט פון דעם נביא איז קיינמאל נישט פארגעסן געווארן. דאס איז געווען א זעלטנהייט אבער עס האט פאסירט.

אוריה הנביא איז גע'הרג'ט געווארן דורך יהויקם המלך. ישעיה הנביא איז אומגעבערענגט געווארן דורך מנשה המלך.

אה יא, עס איז געווען געפארפול צו זיין א נביא. ירמיהו הנביא זאגט (איכה ג:נג) **וַיַּדּוּ אֶבֶן בִּי**, זיי האבן געווארפן שטיינער אויף מיר. מ'האט אים אויך פראבירט צו הרג'נען - ער איז אריינגעווארפן געווארן אין א גרוב און ער איז דארט געזונקען ביז א טונקעלער מענטש איז געקומען און געראטעוועט זיין לעבן. ס'איז אינטערעסאנט דאס צו וויסן - א שווארצער מענטש האט געראטעוועט דאס לעבן פון ירמיהו הנביא. די ווייסע אידן האבן מורא געהאט אים צו ראטעווען ווייל ער האט געהאט פיינט אבער אט איז געקומען א שווארצער מענטש, א קנעכט, און ער האט געזאגט צום קעניג, "זע! דער נביא זונקט אין די זומפ!" האט דער קעניג געזאגט, "נעם דעקעס און שטריק און לויף אים ראטעווען." אט אזוי איז ירמיהו געראטעוועט געווארן. ער איז געווען דאנקבאר צו די שווארצע מענטשן אויף דעם. אבער דאך, מיר זעען אז מען האט אים אריינגעלייגט צו זינקען אינעם זומפ. און דאס איז געווען ווייל ירמיהו האט געהאט א ביטערע צונג. עס איז אבער נישט געווען זיין צונג - ער האט גערעדט די רייד וואס דער באשעפער האט אים געהייסן רעדן.

## פארמיידן גלות

אבער מיר מוזן וויסן אז פאר הונדערטער יארן האבן די מענטשן טאלעריר דעם נביא. ס'מיינט נישט אז יעדער האט אים אלעמאל געפאלגט, אבער זיי האבן אים געלאזט רעדן. יעדער האט פארשטאנען אז דאס איז די בעסטע זאך פאר'ן פאלק; דער קיום פונעם פאלק ווענדט זיך אויף דאס הערן די קריטיק, אויף האבן איבער זיך א רבי.

וואס האט דערנאך פאסירט? צום סוף פון די תקופה פון דעם ערשטן בית המקדש, האט די געהארכזאמקייט אנגעהויבן אפגעשוואכט צו ווערן און דאן האבן פאלשע נביאים אנגעהויבן זיך צו באווייזן אויף די סצענע; עס האט פאסירט צוליב דעם וואס די מענטשן האבן געוואלט הערן אנדערע סארט נבואות, נישט קיין קריטיק.

ווי ירמיה הנביא זאגט אין איכה (ב:יד) אין נאמען פון באשעפער: **נְבִיאַיִךְ חָזוּ לָךְ שָׁוְא וְתָפֵל וְלֹא גִלּוּ עַל עֲוֹנֵךְ לְהָשִׁיב שְׁבוּתֵךְ וַיֶּחֱזוּ לָךְ מַשְׂאוֹת שָׁוְא וּמַדּוּחִים** - דיינע נביאים - נישט מיינע נביאים; דיינע נביאים - זיי האבן געזען פאר דיר זעאונגען וואס זענען פאלש און באדייטלאז, **וְלֹא גִלּוּ עַל עֲוֹנֵךְ** - און זיי האבן נישט אנטפלעקט דיינע זינד, **לְהָשִׁיב שְׁבוּתֵךְ** - וואס וואלט אייך צוריקגעברענגט די געפאנגענע; דאס מיינט עס וואלט פארמיטן דעם גלות.

## דער סוף צו נבואה

דאן האט דער באשעפער געזאגט, "איך האב אייך געגעבן די גרויסע מתנה אייך צו העלפן אויף די וועלט און אויף די קומענדיגע וועלט און אצינד ווערט איר מיד דערפון? דערפאר וועל איך אוועקנעמען אט די מתנה." און דאן איז געווען ווען די נבואה האט זיך אפגעשטעלט; דער חורבן בית המקדש איז געווען דער סוף צו נבואה. ביים אנהייב פון בית שני זענען נאך געווען פארבליבן אפאר אלטע נביאים וועלכע האבן נאך דערנאך געלעבט אביסל צייט. און ווען זיי זענען נסתלק געווארן איז מער קיינמאל נישט אויפגעקומען קיין נייער נביא.

ס'איז א באדייטנדע זאך; אז מ'לערנט אונזער היסטאריע - קיינמאל מער איז קיינער נישט אויפגעשטאנען און געזאגט, **כֹּה אָמַר ה'** - "אזוי האט דער באשעפער געזאגט..." דער גאנצער מציאות פון האבן איינער אויסדערוועלט פון באשעפער צו שטיין איבער דיר איז פארלוירן געגאנגען.

## אבילות און איר שכר

און דאס איז די טרויעריגסטע זאך פון אלעם וואס מיר האבן פארלוירן ביים חורבן, ווייל דאס איז געווען די הצלחה פון דאס אידישע פאלק. ביז דאן האט דאס אידישע פאלק זיך אנגעלאנט אויף די נביאים אז זיי זאלן זיי פירן אויפ'ן וועג וואס פירט צו שלימות אין עבודת ה'. און דערפאר זענען יענע דורות געווען אזוי דערהויבן; קיינמאל מער האבן מיר נישט געהאט אזעלכע גוטע מענטשן ווי מיר האבן געהאט אין יענע טעג ווען די נביאים זענען געשטאנען אויפ'ן שוץ און זיי האבן אטאקירט יעדער נישט גוטער טאט וואס זיי האבן געזען. די אידן זענען געווארן באוואוסטזיניג און זיי זענען געווארן בעסער און בעסער.

און דערפאר דארפן מיר אלעמאל געדענקען וואס מיר האבן פארלוירן ווען די נבואה האט זיך אפגעשטעלט. ווען עס האט זיך געענדיגט די נבואה, האבן מיר פארלוירן איינע פון די טייערסטע איידלשטיינער וואס אונזער פאלק האט נאר אמאל פארמאגט, דער געשאנק פון אומפארטייאישע און אומבאגרעניצטע קריטיק וואס פירט אונז צו אונזער נצחיות'דיגע לעבן. און עס איז אט די מתנה וואס מיר פראבירן צו אויפלעבן אין אונזערע אייגענע לעבנס דורך זיין שטענדיג נאנט צו איינער וואס וועט אונז נאכקוקן און פירן. דאס איז דער לימוד פון **וחי** - און ער זאל לעבן מיט הצלחה אינעם עיר מקלט; דאס איז

די לערע אז 'לעבן' מיינט צו לעבן א לעבן פון קומען נאנטער צום באשעפער דורך מקיים זיין דעם '**עשה לך רב**'.

און אלס א טייל פון אונזער טרויערן אויף וואס מיר האבן אמאל געהאט טראכטן מיר איבער יענע טעג און מיר פראבירן צו ניצן די מתנה פון באגרעניצן אונזער פרייער ווילן דורך אננעמען הדרכה פון אנדערע און דאן וועלן מיר בעזר ה' זוכה זיין צו די געוואלדיגע הבטחה פון **כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בישועתה** - די אלע וואס טרויערן אויף ירושלים וועלן זוכה זיין צו זען די ישועה פון ירושלים (תענית ל:).

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה:

**צוליב וועלכע סיבה האבן די נביאים פאראויסגעזאגט איבער מלחמת גוג ומגוג וואס וועט זיין אין די צייטן פאר משיח קומט? וואספארא נוצן האבן מיר פון די ידיעה?**

### תשובה:

די נביאים האבן געוואלט מיר זאלן וויסן אז די כוחות פון דעם שטן איז זייער מאכטפול אויף די וועלט און אז זיי וועלן זיך קיינמאל נישט אונטערגעבן אזוי שנעל. אויך, אונז צו לאזן וויסן אז אפילו ווען עס וועט קומען די צייט פון די גאולה, אין יענע צייט וועלן די כוחות זיך שטארקן צו זייער פולסטער מאס כדי אפצוהאלטן די גאולה. פארוואס? ווייל די גאולה גייט זיין אן אנהייב צו זייער א גליקליכע צייט ווען יעדער וועט אנערקענען דעם באשעפער. און דערפאר, אין יענע צייט, וועלן אונזערע שונאים פראבירן מיט אלע זייערע מעגליכקייטן צו אפהאלטן די גאולה און די אמת'ע אנערקענונג אין באשעפער.

און די נביאים ווילן אז מיר זאלן דאס וויסן, כדי מיר זאלן זיין באוואוסטזיניג דערצו, אז אויף די וועלט - אויך יעצט - ארבעט דער יצר הרע מיט אלע זיינע כוחות אונז אפצושטעלן. און מיר דארפן וויסן, אז מיר דארפן זיך צוריקשלאגן און אז מיר זענען אויף די וועלט מיט דעם תפקיד זיך נישט צו לאזן פון דעם יצר הרע.

אונזער הצלחה איז געוואנדן אין אונזערע דערגרייכונגען אין דעם הינזיכט און מיר דארפן מאכן זיכער אז מיר געבן זיך קיינמאל נישט אונטער, מיר ווערן קיינמאל נישט אפגעשוואכט אין דעם הינזיכט פון עבודת ה', נישט קיין חילוק וויפיל נארישע קעגנערס מיר האבן און נישט קיין חילוק ווי שטארק זיי זענען אויס צו זיין.